שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי־תֶרַח שִׁבְעִים שָׁנָה כו
וַיּוֹלֶד אֶת־אַבְרָם אֶת־נָחוֹר וְאֶת־הָרָן׃ וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת תֶּרַח כז
תֶּרַח הוֹלִיד אֶת־אַבְרָם אֶת־נָחוֹר וְאֶת־הָרָן וְהָרָן הוֹלִיד
אֶת־לוֹט׃ וַיָּמָת הָרָן עַל־פְּנֵי תֶּרַח אָבִיו בְּאֶרֶץ מוֹלַדְתּוֹ כח
בְּאוּר כַּשְׂדִּים׃ וַיִּקַּח אַבְרָם וְנָחוֹר לָהֶם נָשִׁים שֵׁם אֵשֶׁת־ כט
אַבְרָם שָׂרָי וְשֵׁם אֵשֶׁת־נָחוֹר מִלְכָּה בַּת־הָרָן אֲבִי־מִלְכָּה
וַאֲבִי יִסְכָּה׃ וַתְּהִי שָׂרַי עֲקָרָה אֵין לָהּ וָלָד׃ וַיִּקַּח תֶּרַח ל לא
אֶת־אַבְרָם בְּנוֹ וְאֶת־לוֹט בֶּן־הָרָן בֶּן־בְּנוֹ וְאֵת שָׂרַי כַּלָּתוֹ
אֵשֶׁת אַבְרָם בְּנוֹ וַיֵּצְאוּ אִתָּם מֵאוּר כַּשְׂדִּים לָלֶכֶת אַרְצָה
כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ עַד־חָרָן וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃ וַיִּהְיוּ יְמֵי־תֶרַח חָמֵשׁ לב
שָׁנִים וּמָאתַיִם שָׁנָה וַיָּמָת תֶּרַח בְּחָרָן׃ פ

[26] און תֶּרַח האָט געלעבט זיבעציק יאָר, און האָט געבאָרן אַברמען, נָחורן, און הָרָנען.

[27] און דאָס זיינען די געבורטן פון תֶּרַחן: תֶּרַח האָט געבאָרן אַברמען, נָחורן, און הָרָנען; און הָרָן האָט געבאָרן לוטן. [28] און הָרָן איז געשטאָרבן ביים לעבן פון זיין פאָטער תֶּרַחן, אין לאַנד פון זיין געבורט, אין אור־כַּשדים. [29] און אַברם און נָחור האָבן זיך גענומען ווייבער; דער נאָמען פון אַברמס ווייב איז געווען שָׂרַי, און דער נאָמען פון נָחורס ווייב איז געווען מִלכָּה, די טאָכטער פון הָרָן, דעם פאָטער פון מִלכָּהן און דעם פאָטער פון יִסכָּהן. [30] און שָׂרַי איז געווען אַן עקרה, זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

[31] און תֶּרַח האָט גענומען זיין זון אַברמען, און זיין אייניקל לוט, דער זון פון הָרָנען, און זיין שנור שָׂרַי, די ווייב פון זיין זון אַברמען, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט זיי פון אור־כַּשדים, צו גיין קיין לאַנד כנַעַן. און זיי זיינען געקומען ביז חָרָן, און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט.

[32] און די טעג פון תֶּרַחן זיינען געווען צוויי הונדערט יאָר און פינף יאָר. און תֶּרַח איז געשטאָרבן אין חָרָן.

# לֶךְ־לְךָ

יב
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַבְרָם לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית א
אָבִיךָ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ׃ וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ ב
וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה׃ וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ ג
אָאֹר וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה׃ וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר ד
דִּבֶּר אֵלָיו יְהוָה וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ לוֹט וְאַבְרָם בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים
וְשִׁבְעִים שָׁנָה בְּצֵאתוֹ מֵחָרָן׃ וַיִּקַּח אַבְרָם אֶת־שָׂרַי אִשְׁתּוֹ ה
וְאֶת־לוֹט בֶּן־אָחִיו וְאֶת־כָּל־רְכוּשָׁם אֲשֶׁר רָכָשׁוּ וְאֶת־
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־עָשׂוּ בְחָרָן וַיֵּצְאוּ לָלֶכֶת אַרְצָה כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ
אַרְצָה כְּנָעַן׃ וַיַּעֲבֹר אַבְרָם בָּאָרֶץ עַד מְקוֹם שְׁכֶם עַד ו
אֵלוֹן מוֹרֶה וְהַכְּנַעֲנִי אָז בָּאָרֶץ׃ וַיֵּרָא יְהוָה אֶל־אַבְרָם ז
וַיֹּאמֶר לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה
הַנִּרְאֶה אֵלָיו׃ וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם הָהָרָה מִקֶּדֶם לְבֵית־אֵל וַיֵּט ח
אָהֳלֹה בֵּית־אֵל מִיָּם וְהָעַי מִקֶּדֶם וַיִּבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה
וַיִּקְרָא בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיִּסַּע אַבְרָם הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ הַנֶּגְבָּה׃ פ ט

יא,כט׳ קמץ בזיק  לב׳ נון מוזרה  יב,ה׳ קמץ בזיק

**יב** [1] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברמען: גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד, און פון דיין אָפּשטאַם, און פון דיין פאָטערס הויז, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן. [2] און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשן, און גרייסן דיין נאָמען, און וועסט זיין אַ בענטשונג. [3] און איך וועל בענטשן די וואָס בענטשן דיך, און דעם וואָס פלוכט דיך וועל איך פאַרשילטן; און מיט דיר וועלן זיך בענטשן אַלע משפחות פון דער ערד.

[4] און אַברם איז געגאַנגען אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט; און לוט איז מיטגעגאַנגען מיט אים. און אַברם איז געווען אַ מאַן פון פינף און זיבעציק יאָר ביי זיין אַרויס־גיין פון חָרָן. [5] און אַברם האָט גענומען זיין ווייב שָׂרַין, און זיין ברודערס זון לוטן, און זייער גאַנצן פאַרמעג וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און די נפשות וואָס זיי האָבן זיך אָנגע־שאַפט אין חָרָן, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו גיין קיין לאַנד כנַעַן; און זיי זיינען געקומען קיין לאַנד כנַעַן. [6] און אַברם איז דורכגעגאַנגען דורכן לאַנד ביז דעם אָרט פון שכֶם, ביז דעם אייכנבוים מורֶה. און דער כנַעֲני איז דענסמאָל געווען אין לאַנד.

[7] און יהוה האָט זיך באַוויזן צו אַברמען, און האָט געזאָגט: צו דיין זאָמען וועל איך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד. און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים.

[8] און ער האָט זיך איבערגעטראָגן פון דאָרטן צום באַרג, אין מזרח פון בֵּית־אֵל; און ער האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט מיט בֵּית־אֵל פון מערב, און עַי פון מזרח; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה, און האָט גערופן צו דעם נאָמען יהוה.

[9] און אַברם האָט געצויגן, ציענדיק אַלץ ווייטער צו דָרום.

10 איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, און אַברם האָט געווענדערט קיין מִצרַיִם, זיך דאָרטן אויפצוהאַלטן, וואָרום דער הונגער איז געווען שווער אין לאַנד. 11 און עס איז געווען, ווי ער איז געקומען נאָנט צו מִצרַיִם, אַזוי האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב שָׂרַין: זע, איך בעט דיך, איך ווייס אַז דו ביסט אַ פרוי פון אַ שיינעם אויסזען. 12 איז, ווי די מִצרים וועלן דיך זען, אַזוי וועלן זיי זאָגן: דאָס איז זיין ווייב; און זיי וועלן מיך הרגענען, און דיך וועלן זיי לאָזן לעבן. 13 זאָג, איך בעט דיך, דו ביסט מיינע אַ שוועסטער, כּדי מיר זאָל גוט זיין פון דיינעטוועגן, און מיין נפש זאָל בלייבן לעבן צוליב דיר.

14 און עס איז געווען, ווי אַברם איז געקומען קיין מִצרַיִם, אַזוי האָבן די מִצרים געזען די פרוי, אַז זי איז זייער שיין. 15 און די האַרן פון פַּרעהן האָבן זי געזען, און האָבן זי פאַרלויבט פאַר פַּרעהן, און די פרוי איז צו־גענומען געוואָרן אין פַּרעהס הויז. 16 און אַברמען האָט ער באַגיטיקט פון אירעטוועגן; און ער האָט געקריגן שאָף, און רינדער, און אייזלען, און קנעכט, און דינסטן, און אייזעלינס, און קעמלען.

17 האָט גאָט געפּלאָגט פַּרעהן און זיין הויזגעזינט מיט גרויסע פּלאָגן פון וועגן שָׂרַי, אַברמס ווייב. 18 און פַּרעה האָט גערופן אַברמען, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס האָסטו דאָ געטאָן צו מיר? פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט אַז זי איז דיין ווייב? 19 אַלמאַי האָסטו געזאָגט: „זי איז מיינע אַ שוועסטער“, און איך האָב זי גענומען פאַר אַ ווייב? און אַצונד, אָט איז דיין ווייב, נעם און גיי.

י וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ וַיֵּרֶד אַבְרָם מִצְרַיְמָה לָגוּר שָׁם כִּי־כָבֵד
יא הָרָעָב בָּאָרֶץ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִקְרִיב לָבוֹא מִצְרָיְמָה וַיֹּאמֶר
אֶל־שָׂרַי אִשְׁתּוֹ הִנֵּה־נָא יָדַעְתִּי כִּי אִשָּׁה יְפַת־מַרְאֶה אָתְּ׃
יב וְהָיָה כִּי־יִרְאוּ אֹתָךְ הַמִּצְרִים וְאָמְרוּ אִשְׁתּוֹ זֹאת וְהָרְגוּ
יג אֹתִי וְאֹתָךְ יְחַיּוּ׃ אִמְרִי־נָא אֲחֹתִי אָתְּ לְמַעַן יִיטַב־לִי
שני בַעֲבוּרֵךְ וְחָיְתָה נַפְשִׁי בִּגְלָלֵךְ׃ וַיְהִי כְּבוֹא אַבְרָם מִצְרָיְמָה
טו וַיִּרְאוּ הַמִּצְרִים אֶת־הָאִשָּׁה כִּי־יָפָה הִוא מְאֹד׃ וַיִּרְאוּ
אֹתָהּ שָׂרֵי פַרְעֹה וַיְהַלְלוּ אֹתָהּ אֶל־פַּרְעֹה וַתֻּקַּח הָאִשָּׁה
טז בֵּית פַּרְעֹה׃ וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ וַיְהִי־לוֹ צֹאן־וּבָקָר
יז וַחֲמֹרִים וַעֲבָדִים וּשְׁפָחֹת וַאֲתֹנֹת וּגְמַלִּים׃ וַיְנַגַּע יְהוָה ׀
אֶת־פַּרְעֹה נְגָעִים גְּדֹלִים וְאֶת־בֵּיתוֹ עַל־דְּבַר שָׂרַי אֵשֶׁת
יח אַבְרָם׃ וַיִּקְרָא פַרְעֹה לְאַבְרָם וַיֹּאמֶר מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לִּי
יט לָמָּה לֹא־הִגַּדְתָּ לִּי כִּי אִשְׁתְּךָ הִוא׃ לָמָה אָמַרְתָּ אֲחֹתִי
הִוא וָאֶקַּח אֹתָהּ לִי לְאִשָּׁה וְעַתָּה הִנֵּה אִשְׁתְּךָ קַח וָלֵךְ׃
כ וַיְצַו עָלָיו פַּרְעֹה אֲנָשִׁים וַיְשַׁלְּחוּ אֹתוֹ וְאֶת־אִשְׁתּוֹ וְאֶת־
כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ׃

יג

א וַיַּעַל אַבְרָם מִמִּצְרַיִם הוּא וְאִשְׁתּוֹ וְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וְלוֹט עִמּוֹ
ב הַנֶּגְבָּה׃ וְאַבְרָם כָּבֵד מְאֹד בַּמִּקְנֶה בַּכֶּסֶף וּבַזָּהָב׃ וַיֵּלֶךְ
ג לְמַסָּעָיו מִנֶּגֶב וְעַד־בֵּית־אֵל עַד־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־הָיָה שָׁם
ד אָהֳלֹה בַּתְּחִלָּה בֵּין בֵּית־אֵל וּבֵין הָעָי׃ אֶל־מְקוֹם הַמִּזְבֵּחַ
אֲשֶׁר־עָשָׂה שָׁם בָּרִאשֹׁנָה וַיִּקְרָא שָׁם אַבְרָם בְּשֵׁם יְהוָה׃
של' וְגַם־לְלוֹט הַהֹלֵךְ אֶת־אַבְרָם הָיָה צֹאן־וּבָקָר וְאֹהָלִים׃
ו וְלֹא־נָשָׂא אֹתָם הָאָרֶץ לָשֶׁבֶת יַחְדָּו כִּי־הָיָה רְכוּשָׁם רָב
ז וְלֹא יָכְלוּ לָשֶׁבֶת יַחְדָּו׃ וַיְהִי־רִיב בֵּין רֹעֵי מִקְנֵה־אַבְרָם
וּבֵין רֹעֵי מִקְנֵה־לוֹט וְהַכְּנַעֲנִי וְהַפְּרִזִּי אָז יֹשֵׁב בָּאָרֶץ׃
ח וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל־לוֹט אַל־נָא תְהִי מְרִיבָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּבֵין
ט רֹעַי וּבֵין רֹעֶיךָ כִּי־אֲנָשִׁים אַחִים אֲנָחְנוּ׃ הֲלֹא כָל־הָאָרֶץ

20 און פַּרעה האָט באַפוילן וועגן אים מענטשן, און זיי האָבן אַרויסבאַגלייט אים, און זיין ווייב, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט.

יג 1 און אַברם איז אַרויפגעגאַנגען פון מִצרַיִם, ער און זיין ווייב, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און לוט מיט אים, קיין דָרום. 2 און אַברם איז געווען זייער רייך אין פי, אין זילבער, און אין גאָלד. 3 און ער איז געגאַנגען אויף זיינע ציאונגען, פון דָרום און ביז בֵּית־אֵל, ביז דעם אָרט וואָס זיין געצעלט איז דאָרטן געווען אין אָנהייב, צווישן בֵּית־אֵל און צווישן עַי, 4 צו דעם אָרט פון דעם מזבח וואָס ער האָט דאָרטן געמאַכט צוערשט; און וואָס אַברם האָט דאָרטן גערופן צו דעם נאָמען יהוה.

5 און אויך ביי לוטן, וואָס איז געגאַנגען מיט אַברמען, זיינען געווען שאָף און רינדער און געצעלטן. 6 און דאָס לאַנד האָט זיי ניט געקענט טראָגן, צו וווינען באַנאַנד; ווייל זייער פאַרמעג איז געווען גרויס, און זיי האָבן ניט געקענט וווינען באַנאַנד. 7 און עס איז געווען אַ קריגעריי צווישן די פּאַסטוכער פון אַברמס פי און צווישן די פּאַסטוכער פון לוטס פי. און דער כּנַעֲנִי און דער פְּרִזִּי זיינען דענסמאָל געזעסן אין לאַנד. 8 האָט אַברם געזאָגט צו לוטן: זאָל, איך בעט דיך, ניט זיין קיין קריג צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן מיינע פּאַסטוכער און צווישן דיינע פּאַסטוכער; וואָרום מיר זיינען אייגענע מענטשן. 9 דאָס גאַנצע לאַנד ליגט דאָך פאַר דיר;

לְפָנֶיךָ הִפָּרֶד נָא מֵעָלָי אִם־הַשְּׂמֹאל וְאֵימִנָה וְאִם־הַיָּמִין
י וְאַשְׂמְאִילָה׃ וַיִּשָּׂא־לוֹט אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא אֶת־כָּל־כִּכַּר הַיַּרְדֵּן
כִּי כֻלָּהּ מַשְׁקֶה לִפְנֵי ׀ שַׁחֵת יְהוָה אֶת־סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה
יא כְּגַן־יְהוָה כְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בֹּאֲכָה צֹעַר׃ וַיִּבְחַר־לוֹ לוֹט אֵת
כָּל־כִּכַּר הַיַּרְדֵּן וַיִּסַּע לוֹט מִקֶּדֶם וַיִּפָּרְדוּ אִישׁ מֵעַל אָחִיו׃
יב אַבְרָם יָשַׁב בְּאֶרֶץ־כְּנָעַן וְלוֹט יָשַׁב בְּעָרֵי הַכִּכָּר וַיֶּאֱהַל
יג יד עַד־סְדֹם׃ וְאַנְשֵׁי סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַיהוָה מְאֹד׃ וַיהוָה
אָמַר אֶל־אַבְרָם אַחֲרֵי הִפָּרֶד־לוֹט מֵעִמּוֹ שָׂא נָא עֵינֶיךָ
וּרְאֵה מִן־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־אַתָּה שָׁם צָפֹנָה וָנֶגְבָּה וָקֵדְמָה
טו וָיָמָּה׃ כִּי אֶת־כָּל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־אַתָּה רֹאֶה לְךָ אֶתְּנֶנָּה
טז וּלְזַרְעֲךָ עַד־עוֹלָם׃ וְשַׂמְתִּי אֶת־זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ אֲשֶׁר ׀
אִם־יוּכַל אִישׁ לִמְנוֹת אֶת־עֲפַר הָאָרֶץ גַּם זַרְעֲךָ יִמָּנֶה׃
יז קוּם הִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ כִּי לְךָ אֶתְּנֶנָּה׃
יח וַיֶּאֱהַל אַבְרָם וַיָּבֹא וַיֵּשֶׁב בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא אֲשֶׁר בְּחֶבְרוֹן
וַיִּבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה׃ פ

יד

רב׳ וַיְהִי בִּימֵי אַמְרָפֶל מֶלֶךְ־שִׁנְעָר אַרְיוֹךְ מֶלֶךְ אֶלָּסָר
ב כְּדָרְלָעֹמֶר מֶלֶךְ עֵילָם וְתִדְעָל מֶלֶךְ גּוֹיִם׃ עָשׂוּ מִלְחָמָה
אֶת־בֶּרַע מֶלֶךְ סְדֹם וְאֶת־בִּרְשַׁע מֶלֶךְ עֲמֹרָה שִׁנְאָב ׀ מֶלֶךְ
ג אַדְמָה וְשֶׁמְאֵבֶר מֶלֶךְ צְבֹיִים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִיא־צֹעַר׃ כָּל־
ד אֵלֶּה חָבְרוּ אֶל־עֵמֶק הַשִּׂדִּים הוּא יָם הַמֶּלַח׃ שְׁתֵּים
עֶשְׂרֵה שָׁנָה עָבְדוּ אֶת־כְּדָרְלָעֹמֶר וּשְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה
ה מָרָדוּ׃ וּבְאַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה בָּא כְדָרְלָעֹמֶר וְהַמְּלָכִים
אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיַּכּוּ אֶת־רְפָאִים בְּעַשְׁתְּרֹת קַרְנַיִם וְאֶת־הַזּוּזִים
ו בְּהָם וְאֵת הָאֵימִים בְּשָׁוֵה קִרְיָתָיִם׃ וְאֶת־הַחֹרִי בְּהַרְרָם
ז שֵׂעִיר עַד אֵיל פָּארָן אֲשֶׁר עַל־הַמִּדְבָּר׃ וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ
אֶל־עֵין מִשְׁפָּט הִוא קָדֵשׁ וַיַּכּוּ אֶת־כָּל־שְׂדֵה הָעֲמָלֵקִי וְגַם

י, יח׳ בחבור  יד, ב׳ צבוים ק

שייד זיך אָפּ פון מיר, איך בעט דיך, ענטוועדער אויף לינקס, און איך וועל זיך נעמען רעכטס, אָדער אויף רעכטס, און איך וועל זיך נעמען לינקס.

10 האָט לוט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט געזען די גאַנצע געגנט פון יַרדן, אַז זי איז אין גאַנצן באַוועסערט— דאָס איז געווען איידער גאָט האָט צעשטערט סדום און עֲמוֹרָה—אַזוי ווי דער גאָרטן פון גאָט, אַזוי ווי דאָס לאַנד מִצרַיִם, ביז דו קומסט קיין צוֹעַר. 11 און לוט האָט אויס־געקליבן פאַר זיך די גאַנצע געגנט פון יַרדן; און לוט האָט אַוועקגעצויגן קיין מזרח, און זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט איינער פון אַנדערן. 12 אַברם האָט זיך באַזעצט אין לאַנד כּנַעַן, און לוט האָט זיך באַזעצט אין די שטעט פון דער [יַרדן] געגנט; און ער האָט געהאַט געצעלטן ביז סדום.

13 און די מענטשן פון סדום זיינען געווען זייער שלעכט און זינדיק צו גאָט.

14 און גאָט האָט געזאָגט צו אַברמען, נאָכדעם ווי לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון אים: הייב אַקאָרשט אויף דיינע אויגן, און קוק פון דעם אָרט וווּ דו ביסט, קיין צפון און קיין דָרום און קיין מזרח און קיין מערב; 15 וואָרום דאָס גאַנצע לאַנד וואָס דו זעסט, וועל איך געבן צו דיר און צו דיין זאָמען אויף אייביק. 16 און איך וועל מאַכן דיין זאָמען אַזוי ווי שטויב פון דער ערד, אַז אויב עמיצער וועט קענען ציילן דעם שטויב פון דער ערד, וועט אויך דיין זאָמען געציילט ווערן. 17 שטיי אויף, גיי דורכן לאַנד פאַר לענג און פאַר ברייט, וואָרום צו דיר וועל איך עס געבן.

18 און אַברם האָט איבערגעטראָגן זיין געצעלט, און ער איז געקומען און האָט זיך באַזעצט ביי די אייכנביימער פון מַמרֵא, וואָס אין חֶברון; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה.

יד 1 און עס איז געווען אין די טעג פון אַמרָפֶל דעם מלך פון שִנעָר, אַריוֹך דעם מלך פון אֶלָסָר, כּדָרלעוֹמֶר דעם מלך פון עֵילָם, און תִּדעָל דעם מלך פון גוֹיִם, 2 האָבן זיי געמאַכט אַ מלחמה מיט בֶּרַע דעם מלך פון סדום, און מיט בִּרשַע דעם מלך פון עֲמוֹרָה, שִנאָב דעם מלך פון אַדמָה, און שֶמאֵבֶר דעם מלך פון צבוֹיִם, און דעם מלך פון בֶּלַע, דאָס איז צוֹעַר. 3 די אַלע האָבן זיך צונויפגעחברט אין טאָל שִדים, דאָס איז דער יַם־הַמֶלַח. 4 צוועלף יאָר האָבן זיי געדינט כּדָרלעוֹמֶרן, און אויפן דרייצנטן יאָר האָבן זיי ווידערשפּעניקט. 5 און אויפן פערצנטן יאָר איז גע־קומען כּדָרלעוֹמֶר און די מלכים וואָס מיט אים, און זיי האָבן געשלאָגן די רפָאים אין עַשתְּרוֹת־קַרנַיִם, און די זוזים אין הָם, און די אֵימים אין שָוֵה־קִריָתַיִם, 6 און די חוֹרים אויף זייער באַרג שֵעִיר, ביז אֵיל־פָּארָן וואָס ביים מדבר. 7 און זיי האָבן זיך אומגעקערט, און זיינען געקומען קיין עֵין־מִשפָּט, דאָס איז קָדֵש, און האָבן געשלאָגן דאָס גאַנצע פעלד פון עֲמָלֵק, און אויך

דעם אֶמוֹרי וואָס איז געזעסן אין חַצְצוֹן־תָּמָר. [8] איז אַרויסגעגאַנגען דער מלך פון סדום, און דער מלך פון עֲמוֹרָה, און דער מלך פון אַדמָה, און דער מלך פון צבוֹיִם, און דער מלך פון בֶּלַע, דאָס איז צוֹעַר, און זיי האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה מיט זיי אין טאָל שִׂדים—[9] מיט כְּדָרלעוֹמֶר דעם מלך פון עֵילָם, און תִּדעָל דעם מלך פון גוֹיִם, און אַמרָפֶל דעם מלך פון שִׁנעָר, און אַריוֹך דעם מלך פון אֶלָסָר; די פיר מלכים אַקעגן די פינף. [10] און דער טאָל שִׂדים איז געווען גריבער אויף גריבער מיט ליים, און ווי די מלכים פון סדום און עֲמוֹרָה זיינען אַנטלאָפן, אַזוי זיינען זיי אַהין אַריינגעפאַלן; און די איבערגעבליבענע זיינען אַנטלאָפן צום באַרג. [11] און יענע האָבן צוגענומען דעם גאַנצן פאַרמעג פון סדום און עֲמוֹרָה, און דאָס גאַנצע עסנוואַרג זייערס, און זיינען אַוועקגעגאַנגען. [12] און זיי האָבן צוגענומען לוט, דעם זון פון אַברמס ברודער, וואָס איז געזעסן אין סדום, און זיין פאַרמעג, און זיינען אַוועקגעגאַנגען. [13] איז געקומען אַן אַנטרונענער, און האָט אָנגעזאָגט אַברם דעם עִברי; און ער האָט געוווינט ביי די אייכנביימער פון מַמרֵא דעם אֶמוֹרי, דעם ברודער פון אֶשכּוֹלן, און דעם ברודער פון עָנֵרן; און זיי זיינען געווען בונדסלייט פון אַברמען. [14] און ווי אַברם האָט געהערט אַז זיין אייגענער איז געפאַנגען געוואָרן, אַזוי האָט ער אַרויסגעפירט זיינע איינגעלערנטע, געבאָרענע אין זיין הויז, דריי הונדערט און אַכצן, און ער האָט נאָכגעיאָגט ביז דָן. [15] און ער האָט זיך צעטיילט אַקעגן זיי ביי נאַכט, ער און זיינע קנעכט, און ער האָט זיי געשלאָגן און זיי נאָכגעיאָגט ביז חוֹבָה וואָס לינקס פון דַמֶשֶׂק. [16] און ער האָט צוריקגעבראַכט דעם גאַנצן פאַרמעג, און אויך לוט זיין אייגענעם און זיין פאַרמעג האָט ער צוריקגעבראַכט, און אויך די ווייבער, און דאָס פאָלק.

[17] איז דער מלך פון סדום אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון שלאָגן כְּדָרלעוֹמֶרן, און די מלכים וואָס מיט אים, אין טאָל שָׁוֵה, דאָס איז דעם מלכס טאָל. [18] און מַלכּי־צֶדֶק דער מלך פון שָׁלֵם האָט אַרויסגעטראָגן ברויט און וויין; און ער איז געווען אַ כֹּהן צו דעם העכסטן גאָט. [19] און ער האָט אים געבענטשט, און האָט געזאָגט: געבענטשט זאָל זיין אַברם פון דעם העכסטן גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד. [20] און געבענטשט זאָל זיין דער העכסטער גאָט וואָס האָט איבערגעענטפערט דיינע פיינט אין דיין האַנט.—און ער האָט אים געגעבן מעשׂר פון אַלצדינג.

[21] און דער מלך פון סדום האָט געזאָגט צו אַברמען: גיב מיר די נפשות, און דעם פאַרמעג נעם דיר. [22] האָט אַברם געזאָגט צו דעם מלך פון סדום: איך הייב אויף מיין האַנט צו יהוה דעם העכסטן גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד, [23] אויב אַ פאָדים אָדער אַ שוכבענדל! אָדער אויב איך וועל נעמען פון עפּעס וואָס איז דיינס! כּדי זאָלסט ניט זאָגן: איך האָב רייך געמאַכט אַברמען. [24] ניט מיר! נאָר וואָס די יונגען האָבן געגעסן, און דעם חלק פון די מענטשן וואָס זיינען געגאַנגען מיט מיר, עָנֵר, אֶשכּוֹל, און מַמרֵא; זיי מעגן נעמען זייער חלק.

ח אֶת־הָאֱמֹרִי הַיֹּשֵׁב בְּחַצְצֹן תָּמָר׃ וַיֵּצֵא מֶלֶךְ־סְדֹם וּמֶלֶךְ
עֲמֹרָה וּמֶלֶךְ אַדְמָה וּמֶלֶךְ צְבֹיִים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִוא־צֹעַר
ט וַיַּעַרְכוּ אִתָּם מִלְחָמָה בְּעֵמֶק הַשִּׂדִּים׃ אֵת כְּדָרְלָעֹמֶר
מֶלֶךְ עֵילָם וְתִדְעָל מֶלֶךְ גּוֹיִם וְאַמְרָפֶל מֶלֶךְ שִׁנְעָר וְאַרְיוֹךְ
י מֶלֶךְ אֶלָּסָר אַרְבָּעָה מְלָכִים אֶת־הַחֲמִשָּׁה׃ וְעֵמֶק הַשִּׂדִּים
בֶּאֱרֹת בֶּאֱרֹת חֵמָר וַיָּנֻסוּ מֶלֶךְ־סְדֹם וַעֲמֹרָה וַיִּפְּלוּ־שָׁמָּה
יא וְהַנִּשְׁאָרִים הֶרָה נָּסוּ׃ וַיִּקְחוּ אֶת־כָּל־רְכֻשׁ סְדֹם וַעֲמֹרָה
יב וְאֶת־כָּל־אָכְלָם וַיֵּלֵכוּ׃ וַיִּקְחוּ אֶת־לוֹט וְאֶת־רְכֻשׁוֹ בֶּן־אֲחִי
יג אַבְרָם וַיֵּלֵכוּ וְהוּא יֹשֵׁב בִּסְדֹם׃ וַיָּבֹא הַפָּלִיט וַיַּגֵּד
לְאַבְרָם הָעִבְרִי וְהוּא שֹׁכֵן בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא הָאֱמֹרִי אֲחִי
יד אֶשְׁכֹּל וַאֲחִי עָנֵר וְהֵם בַּעֲלֵי בְרִית־אַבְרָם׃ וַיִּשְׁמַע אַבְרָם
כִּי נִשְׁבָּה אָחִיו וַיָּרֶק אֶת־חֲנִיכָיו יְלִידֵי בֵיתוֹ שְׁמֹנָה עָשָׂר
טו וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַיִּרְדֹּף עַד־דָּן׃ וַיֵּחָלֵק עֲלֵיהֶם ׀ לַיְלָה הוּא
וַעֲבָדָיו וַיַּכֵּם וַיִּרְדְּפֵם עַד־חוֹבָה אֲשֶׁר מִשְּׂמֹאל לְדַמָּשֶׂק׃
טז וַיָּשֶׁב אֵת כָּל־הָרְכֻשׁ וְגַם אֶת־לוֹט אָחִיו וּרְכֻשׁוֹ הֵשִׁיב
יז וְגַם אֶת־הַנָּשִׁים וְאֶת־הָעָם׃ וַיֵּצֵא מֶלֶךְ־סְדֹם לִקְרָאתוֹ
אַחֲרֵי שׁוּבוֹ מֵהַכּוֹת אֶת־כְּדָרְלָעֹמֶר וְאֶת־הַמְּלָכִים אֲשֶׁר
יח אִתּוֹ אֶל־עֵמֶק שָׁוֵה הוּא עֵמֶק הַמֶּלֶךְ׃ וּמַלְכִּי־צֶדֶק מֶלֶךְ
יט שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן וְהוּא כֹהֵן לְאֵל עֶלְיוֹן׃ וַיְבָרְכֵהוּ
כ וַיֹּאמַר בָּרוּךְ אַבְרָם לְאֵל עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ וּבָרוּךְ
אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר־מִגֵּן צָרֶיךָ בְּיָדֶךָ וַיִּתֶּן־לוֹ מַעֲשֵׂר מִכֹּל׃
חמ׳ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־סְדֹם אֶל־אַבְרָם תֶּן־לִי הַנֶּפֶשׁ וְהָרְכֻשׁ קַח־לָךְ׃
כב וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל־מֶלֶךְ סְדֹם הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל־יְהוָה אֵל
כג עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ אִם־מִחוּט וְעַד שְׂרוֹךְ־נַעַל וְאִם־
אֶקַּח מִכָּל־אֲשֶׁר־לָךְ וְלֹא תֹאמַר אֲנִי הֶעֱשַׁרְתִּי אֶת־אַבְרָם׃
כד בִּלְעָדַי רַק אֲשֶׁר אָכְלוּ הַנְּעָרִים וְחֵלֶק הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָלְכוּ
אִתִּי עָנֵר אֶשְׁכֹּל וּמַמְרֵא הֵם יִקְחוּ חֶלְקָם׃ ס

ח׳ צבים ק׳

טו

אַחַר ׀ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־אַבְרָם בַּמַּחֲזֶה א
לֵאמֹר אַל־תִּירָא אַבְרָם אָנֹכִי מָגֵן לָךְ שְׂכָרְךָ הַרְבֵּה
מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֲדֹנָי יֱהוִה מַה־תִּתֶּן־לִי וְאָנֹכִי ב
הוֹלֵךְ עֲרִירִי וּבֶן־מֶשֶׁק בֵּיתִי הוּא דַּמֶּשֶׂק אֱלִיעֶזֶר׃ וַיֹּאמֶר ג
אַבְרָם הֵן לִי לֹא נָתַתָּה זָרַע וְהִנֵּה בֶן־בֵּיתִי יוֹרֵשׁ אֹתִי׃
וְהִנֵּה דְבַר־יְהוָה אֵלָיו לֵאמֹר לֹא יִירָשְׁךָ זֶה כִּי־אִם אֲשֶׁר ד
יֵצֵא מִמֵּעֶיךָ הוּא יִירָשֶׁךָ׃ וַיּוֹצֵא אֹתוֹ הַחוּצָה וַיֹּאמֶר ה
הַבֶּט־נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים אִם־תּוּכַל לִסְפֹּר
אֹתָם וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ׃ וְהֶאֱמִן בַּיהוָה וַיַּחְשְׁבֶהָ ו
לּוֹ צְדָקָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יְהוָה אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאוּר ששי
כַּשְׂדִּים לָתֶת לְךָ אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ׃ וַיֹּאמַר ח
אֲדֹנָי יֱהוִה בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו קְחָה ט
לִי עֶגְלָה מְשֻׁלֶּשֶׁת וְעֵז מְשֻׁלֶּשֶׁת וְאַיִל מְשֻׁלָּשׁ וְתֹר וְגוֹזָל׃
וַיִּקַּח־לוֹ אֶת־כָּל־אֵלֶּה וַיְבַתֵּר אֹתָם בַּתָּוֶךְ וַיִּתֵּן אִישׁ־בִּתְרוֹ י
לִקְרַאת רֵעֵהוּ וְאֶת־הַצִּפֹּר לֹא בָתָר׃ וַיֵּרֶד הָעַיִט עַל־ יא
הַפְּגָרִים וַיַּשֵּׁב אֹתָם אַבְרָם׃ וַיְהִי הַשֶּׁמֶשׁ לָבוֹא וְתַרְדֵּמָה יב
נָפְלָה עַל־אַבְרָם וְהִנֵּה אֵימָה חֲשֵׁכָה גְדֹלָה נֹפֶלֶת עָלָיו׃
וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם יָדֹעַ תֵּדַע כִּי־גֵר ׀ יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא יג
לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה׃ וְגַם אֶת־ יד
הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי וְאַחֲרֵי־כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל׃
וְאַתָּה תָּבוֹא אֶל־אֲבֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם תִּקָּבֵר בְּשֵׂיבָה טוֹבָה׃ טו
וְדוֹר רְבִיעִי יָשׁוּבוּ הֵנָּה כִּי לֹא שָׁלֵם עֲוֺן הָאֱמֹרִי עַד־ טז
הֵנָּה׃ וַיְהִי הַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה וַעֲלָטָה הָיָה וְהִנֵּה תַנּוּר עָשָׁן יז
וְלַפִּיד אֵשׁ אֲשֶׁר עָבַר בֵּין הַגְּזָרִים הָאֵלֶּה׃ בַּיּוֹם הַהוּא יח
כָּרַת יְהוָה אֶת־אַבְרָם בְּרִית לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ נָתַתִּי אֶת־
הָאָרֶץ הַזֹּאת מִנְּהַר מִצְרַיִם עַד־הַנָּהָר הַגָּדֹל נְהַר־פְּרָת׃
אֶת־הַקֵּינִי וְאֶת־הַקְּנִזִּי וְאֵת הַקַּדְמֹנִי׃ וְאֶת־הַחִתִּי וְאֶת־ יט כ

**טו** [1] נאָך דידאָזיקע געשעעניש איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אַבֿרמען אין אַ זעאונג, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט מורא האָבן, אַבֿרם, איך בין דיר אַ שילד; דײַן שׂכר איז זײער גרויס. [2] האָט אַבֿרם געזאָגט: גאָט דו האַר, וואָס קענסטו מיר געבן, אַז איך גײ אַוועק אָן אַ קינד, און דער ווירטשאַפֿטער פון מײַן הויז איז דער דמשׂקער אֶליעזר? [3] און אַבֿרם האָט געזאָגט: זע, האָסט מיר קײן זאָמען ניט געגעבן, און אָט וועט אַ זון פון מײַן הויזגעזינט מיך ירשענען. [4] ערשט דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אים, אַזוי צו זאָגן: ניט דער־דאָזיקער וועט דיך ירשענען, נאָר דער וואָס וועט אַרויסגײן פון דײַנע אינגע־ווײד, ער וועט דיך ירשענען. [5] און ער האָט אים אַרויס־געפֿירט דרויסן, און האָט געזאָגט: טו אַקאָרשט אַ קוק אויפֿן הימל, און צײל די שטערן, אויב דו קענסט זײ איבערצײלן. און ער האָט צו אים געזאָגט: אַזוי וועט זײַן דײַן זאָמען.— [6] און ער האָט געגלויבט אין גאָט, און ער האָט עס אים גערעכנט פֿאַר אַ גערעכטיקײט.

[7] און ער האָט צו אים געזאָגט: איך בין יהוה וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אור־כּשׂדים, דיר צו געבן דאָס־דאָזיקע לאַנד, עס צו אַרבן. [8] האָט ער געזאָגט: גאָט דו האַר, מיט וואָס וועל איך וויסן אַז איך וועל עס אַרבן? [9] האָט ער צו אים געזאָגט: נעם מיר אַ דרײַיאָריקע קו, און אַ דרײַיאָריקע ציג, און אַ דרײַיאָריקן ווידער, און אַ טורטלטויב, און אַ יונגע טויב. [10] האָט ער אים גענומען די אַלע, און האָט זײ איבערגעשניטן אין מיטן, און אַוועקגעלײגט איין העלפֿט קעגן דער אַנדערער; נאָר די פֿויגלען האָט ער ניט איבערגעשניטן. [11] האָבן די רויבפֿויגלען אַראָפּגענידערט אויף די פּגרים, אָבער אַבֿרם האָט זײ אָפּגעטריבן.

[12] און ווי די זון איז געווען בײַם אונטערגײן, אַזוי איז אַ טיפֿער שלאָף געפֿאַלן אויף אַבֿרמען; ערשט אָן אימה, אַ גרויס פֿינצטערניש, פֿאַלט אָן אויף אים. [13] און ער האָט געזאָגט צו אַבֿרמען: וויסן זאָלסטו וויסן זײַן אַז דײַנע קינדער וועלן זײַן פֿרעמדע אין אַ לאַנד וואָס ניט זײערס, און מע וועט זײ פֿאַרקנעכטן, און מע וועט זײ פּײַניקן פֿיר הונדערט יאָר. [14] און אויך דאָס פֿאָלק וועמען זײ וועלן דינען, וועל איך משפּטן; און דערנאָך וועלן זײ אַרויסגײן מיט גרויס פֿאַרמעגן. [15] דו אָבער וועסט קומען צו דײַנע עלטערן בשלום; אין אַ גוטער עלטער וועסטו באַגראָבן ווערן. [16] און ערשט אין פֿירטן דור וועלן זײ זיך אומקערן אַהער, וואָרום די זינד פון דעם אֶמוֹרי וועט ניט זײַן פֿאַרפֿול ביז דענסמאָל.

[17] און עס איז געווען, ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, און עס איז געוואָרן שטאָקפֿינצטער, ערשט אָן אויוון מיט רויך, און אַ פֿלאַמפֿײַער וואָס איז דורכגעגאַנגען צווישן די־דאָזיקע שטיקער. [18] אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד מיט אַבֿרמען, אַזוי צו זאָגן: צו דײַן זאָמען האָב איך געגעבן דאָס־דאָזיקע לאַנד, פון דעם טײַך פון מִצרַיִם ביז דעם גרויסן טײַך, דעם טײַך פּרָת; [19] דעם קֵינִי, און דעם קְנִזִּי, און דעם קַדמוֹני, [20] און דעם חִתִּי, און

דעם פְּרִזִי, און די רְפָאִים, 21 און דעם אֱמוֹרִי, און דעם כְּנַעֲנִי, און דעם גִרְגָשִׁי, און דעם יְבוּסִי.

טז 1 און שָׂרַי, אַברמס ווייב, האָט אים ניט געבאָרן קיין קינדער; און זי האָט געהאַט אַ מִצרישע דינסט וואָס איר נאָמען איז געווען הָגָר. 2 האָט שָׂרַי געזאָגט צו אַברמען: זע נאָר, גאָט האָט מיך פֿאַרמיטן פֿון געבערן; קום, איך בעט דיך, צו מיין דינסט, אפשר וועל איך אויפֿגעריכט ווערן דורך איר. האָט אַברם צוגעהערט צו דעם קָול פֿון שָׂרַין. 3 און שָׂרַי, אַברמס ווייב, האָט גענומען הָגָר די מִצרית, איר דינסט, נאָכדעם ווי אַברם איז געזעסן אין לאַנד כּנַעַן צען יאָר, און זי האָט זי געגעבן איר מאַן אַברמען פֿאַר אַ ווייב צו אים. 4 און ער איז געקומען צו הָגָרן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן; און ווי זי האָט געזען אַז זי איז טראָגעדיק, אַזוי איז איר האַרינטע גרינגגעשאַצט געוואָרן אין אירע אויגן. 5 האָט שָׂרַי געזאָגט צו אַברמען: מיין עוולה אויף דיר! איך האָב געגעבן מיין דינסט אין דיין בוזעם, און ווי זי האָט געזען אַז זי איז טראָגעדיק, אַזוי בין איך גרינגגעשאַצט געוואָרן אין אירע אויגן; זאָל גאָט משפּטן צווישן מיר און צווישן דיר. 6 האָט אַברם געזאָגט צו שָׂרַין: אָט איז דיין דינסט אין דיין האַנט, טו מיט איר וואָס איז גוט אין דיינע אויגן. און שָׂרַי האָט זי געפּייניקט, און זי איז אַנטלאָפֿן פֿון איר.

7 האָט אַ מלאך פֿון גאָט זי געפֿונען ביי אַ קוואַל וואַסער אין דער מדבר, ביי דעם קוואַל אויפֿן וועג קיין שור. 8 און ער האָט געזאָגט: הָגָר, שָׂרַיס דינסט, פֿון וואַנען קומסטו, און וווּהין גייסטו? האָט זי געזאָגט: פֿון מיין האַרינטע שָׂרַין אַנטלויף איך. 9 האָט דער מלאך פֿון גאָט צו איר געזאָגט: קער זיך אום צו דיין האַרינטע, און בייג זיך אונטער אירע הענט. 10 און דער מלאך פֿון גאָט האָט צו איר געזאָגט: מערן וועל איך מערן דיין זאָמען, און ער וועט ניט קענען געציילט ווערן פֿון פֿילקייט. 11 און דער מלאך פֿון גאָט האָט צו איר געזאָגט: זע, דו ביסט טראָגעדיק, און געבערסט אַ זון, זאָלסטו רופֿן זיין נאָמען יִשְׁמָעֵאל, וויל גאָט האָט צוגעהערט[א] דיין פּיין. 12 און ער וועט זיין אַ מענטש אַ וואַלדאייזל: זיין האַנט וועט זיין אַקעגן אַלעמען, און אַלעמענס האַנט וועט זיין אַקעגן אים; און אין געזיכט פֿון אַלע זיינע ברידער וועט ער וווינען.

13 האָט זי גערופֿן דעם נאָמען פֿון יהוה וואָס האָט צו איר גערעדט „דו ביסט דער גאָט פֿון זעאונג"; וואָרום זי האָט געזאָגט: ניט־שוין האָב איך דאָ געזען דעם וואָס זעט מיך? 14 דרום האָט מען גערופֿן דעם ברונעם באֵר־לַחַי־רוֹאִי[ב]; ער איז צווישן קָדֵש און צווישן בֶּרֶד.

15 און הָגָר האָט געבאָרן אַברמען אַ זון, און אַברם האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון זיין זון וואָס הָגָר האָט געבאָרן,

כא הַפְּרִזִּי וְאֶת־הָרְפָאִים׃ וְאֶת־הָאֱמֹרִי וְאֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־
הַגִּרְגָּשִׁי וְאֶת־הַיְבוּסִי׃ ס

טז

א וְשָׂרַי אֵשֶׁת אַבְרָם לֹא יָלְדָה לוֹ וְלָהּ שִׁפְחָה מִצְרִית
ב וּשְׁמָהּ הָגָר׃ וַתֹּאמֶר שָׂרַי אֶל־אַבְרָם הִנֵּה־נָא עֲצָרַנִי
יְהוָה מִלֶּדֶת בֹּא־נָא אֶל־שִׁפְחָתִי אוּלַי אִבָּנֶה מִמֶּנָּה
ג וַיִּשְׁמַע אַבְרָם לְקוֹל שָׂרָי׃ וַתִּקַּח שָׂרַי אֵשֶׁת־אַבְרָם
אֶת־הָגָר הַמִּצְרִית שִׁפְחָתָהּ מִקֵּץ עֶשֶׂר שָׁנִים לְשֶׁבֶת
אַבְרָם בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַתִּתֵּן אֹתָהּ לְאַבְרָם אִישָׁהּ לוֹ לְאִשָּׁה׃
ד וַיָּבֹא אֶל־הָגָר וַתַּהַר וַתֵּרֶא כִּי הָרָתָה וַתֵּקַל גְּבִרְתָּהּ
ה בְּעֵינֶיהָ׃ וַתֹּאמֶר שָׂרַי אֶל־אַבְרָם חֲמָסִי עָלֶיךָ אָנֹכִי נָתַתִּי
שִׁפְחָתִי בְּחֵיקֶךָ וַתֵּרֶא כִּי הָרָתָה וָאֵקַל בְּעֵינֶיהָ יִשְׁפֹּט
ו יְהוָה בֵּינִי וּבֵינֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל־שָׂרַי הִנֵּה שִׁפְחָתֵךְ
בְּיָדֵךְ עֲשִׂי־לָהּ הַטּוֹב בְּעֵינָיִךְ וַתְּעַנֶּהָ שָׂרַי וַתִּבְרַח מִפָּנֶיהָ׃
ז וַיִּמְצָאָהּ מַלְאַךְ יְהוָה עַל־עֵין הַמַּיִם בַּמִּדְבָּר עַל־הָעַיִן
ח בְּדֶרֶךְ שׁוּר׃ וַיֹּאמַר הָגָר שִׁפְחַת שָׂרַי אֵי־מִזֶּה בָאת וְאָנָה
ט תֵלֵכִי וַתֹּאמֶר מִפְּנֵי שָׂרַי גְּבִרְתִּי אָנֹכִי בֹּרַחַת׃ וַיֹּאמֶר
לָהּ מַלְאַךְ יְהוָה שׁוּבִי אֶל־גְּבִרְתֵּךְ וְהִתְעַנִּי תַּחַת יָדֶיהָ׃
י וַיֹּאמֶר לָהּ מַלְאַךְ יְהוָה הַרְבָּה אַרְבֶּה אֶת־זַרְעֵךְ וְלֹא
יא יִסָּפֵר מֵרֹב׃ וַיֹּאמֶר לָהּ מַלְאַךְ יְהוָה הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ
בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי־שָׁמַע יְהוָה אֶל־עָנְיֵךְ׃
יב וְהוּא יִהְיֶה פֶּרֶא אָדָם יָדוֹ בַכֹּל וְיַד כֹּל בּוֹ וְעַל־פְּנֵי כָל־
יג אֶחָיו יִשְׁכֹּן׃ וַתִּקְרָא שֵׁם־יְהוָה הַדֹּבֵר אֵלֶיהָ אַתָּה אֵל
יד רֳאִי כִּי אָמְרָה הֲגַם הֲלֹם רָאִיתִי אַחֲרֵי רֹאִי׃ עַל־כֵּן קָרָא
טו לַבְּאֵר בְּאֵר לַחַי רֹאִי הִנֵּה בֵין־קָדֵשׁ וּבֵין בָּרֶד׃ וַתֵּלֶד
הָגָר לְאַבְרָם בֵּן וַיִּקְרָא אַבְרָם שֶׁם־בְּנוֹ אֲשֶׁר־יָלְדָה הָגָר

טז, ד׳ פתח באתנח ה׳ נקוד על י׳ בתרא ח׳ פתח בסיס

[א] שְׁמַע יָהוּ. [ב] דער ברונעם פֿון דעם לעבעדיקן וואָס זעט מיך.

טז יִשְׁמָעֵאל׃ וְאַבְרָם בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה וְשֵׁשׁ שָׁנִים בְּלֶדֶת־
הָגָר אֶת־יִשְׁמָעֵאל לְאַבְרָם׃ ס

יז

א וַיְהִי אַבְרָם בֶּן־תִּשְׁעִים שָׁנָה וְתֵשַׁע שָׁנִים וַיֵּרָא יְהוָה
אֶל־אַבְרָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי־אֵל שַׁדַּי הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה
ב תָמִים׃ וְאֶתְּנָה בְרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ וְאַרְבֶּה אוֹתְךָ בִּמְאֹד
ג מְאֹד׃ וַיִּפֹּל אַבְרָם עַל־פָּנָיו וַיְדַבֵּר אִתּוֹ אֱלֹהִים לֵאמֹר׃
ד ה אֲנִי הִנֵּה בְרִיתִי אִתָּךְ וְהָיִיתָ לְאַב הֲמוֹן גּוֹיִם׃ וְלֹא־יִקָּרֵא
עוֹד אֶת־שִׁמְךָ אַבְרָם וְהָיָה שִׁמְךָ אַבְרָהָם כִּי אַב־הֲמוֹן
ו גּוֹיִם נְתַתִּיךָ׃ וְהִפְרֵתִי אֹתְךָ בִּמְאֹד מְאֹד וּנְתַתִּיךָ לְגוֹיִם
שב׳ וּמְלָכִים מִמְּךָ יֵצֵאוּ׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ
וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם לִבְרִית עוֹלָם לִהְיוֹת לְךָ
ח לֵאלֹהִים וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ׃ וְנָתַתִּי לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ
אֵת ׀ אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ אֵת כָּל־אֶרֶץ כְּנַעַן לַאֲחֻזַּת עוֹלָם וְהָיִיתִי
ט לָהֶם לֵאלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־אַבְרָהָם וְאַתָּה אֶת־
י בְּרִיתִי תִשְׁמֹר אַתָּה וְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם׃ זֹאת בְּרִיתִי
אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּ בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ הִמּוֹל
יא לָכֶם כָּל־זָכָר׃ וּנְמַלְתֶּם אֵת בְּשַׂר עָרְלַתְכֶם וְהָיָה לְאוֹת
יב בְּרִית בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם׃ וּבֶן־שְׁמֹנַת יָמִים יִמּוֹל לָכֶם כָּל־זָכָר
לְדֹרֹתֵיכֶם יְלִיד בָּיִת וּמִקְנַת־כֶּסֶף מִכֹּל בֶּן־נֵכָר אֲשֶׁר לֹא
יג מִזַּרְעֲךָ הוּא׃ הִמּוֹל ׀ יִמּוֹל יְלִיד בֵּיתְךָ וּמִקְנַת כַּסְפֶּךָ
יד וְהָיְתָה בְרִיתִי בִּבְשַׂרְכֶם לִבְרִית עוֹלָם׃ וְעָרֵל ׀ זָכָר אֲשֶׁר
לֹא־יִמּוֹל אֶת־בְּשַׂר עָרְלָתוֹ וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מֵעַמֶּיהָ
טו אֶת־בְּרִיתִי הֵפַר׃ ס וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־אַבְרָהָם שָׂרַי
טז אִשְׁתְּךָ לֹא־תִקְרָא אֶת־שְׁמָהּ שָׂרָי כִּי שָׂרָה שְׁמָהּ׃ וּבֵרַכְתִּי
אֹתָהּ וְגַם נָתַתִּי מִמֶּנָּה לְךָ בֵּן וּבֵרַכְתִּיהָ וְהָיְתָה לְגוֹיִם
יז מַלְכֵי עַמִּים מִמֶּנָּה יִהְיוּ׃ וַיִּפֹּל אַבְרָהָם עַל־פָּנָיו וַיִּצְחָק

יז, יד׳ פתח בס״פ

יִשְׁמָעֵאל. [16] און אַברם איז געווען זעקס און אַכציק יאָר אַלט, ווען הָגָר האָט געבאָרן יִשְׁמָעֵאלן צו אַברמען.

**יז** [1] און אַז אברם איז אַלט געווען ניין און ניינציק יאָר, האָט זיך יהוה באַוויזן צו אַברמען, און האָט צו אים געזאָגט: איך בין גאָט שַׁדַי; גיי פאַר מיר, און זיי ערלעך. [2] און איך וועל מאַכן מיין בונד צווישן מיר און צווישן דיר, און איך וועל דיך מערן זייער און זייער. [3] איז אַברם געפאַלן אויף זיין פּנים, און גאָט האָט מיט אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: [4] איך—זע, מיין בונד וועט זיין מיט דיר, און וועסט זיין דער פאָטער פון אַ סךא פעלקער. [5] און דיין נאָמען זאָל מער ניט גערופן ווערן אַברם, נאָר דיין נאָמען זאָל זיין אַבְרָהָם; וואָרום פאַר דעם פאָטער פון אַ סך פעלקער האָב איך דיך געמאַכט. [6] און איך וועל דיך פרוכפּערן זייער און זייער, און איך וועל דיך מאַכן פאַר פעלקער, און מלכים וועלן אַרויסגיין פון דיר. [7] און איך וועל אויפשטעלן מיין בונד צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן דיין זאָמען נאָך דיר, אויף זייערע דור־דורות, פאַר אַן אייביקן בונד, צו זיין דיר צום גאָט און דיין זאָמען נאָך דיר. [8] און איך וועל געבן דיר און דיין זאָמען נאָך דיר דאָס לאַנד פון דיין ווינשאַפט, דאָס גאַנצע לאַנד כּנַעַן, פאַר אַן אייביקן אייגנטום; און איך וועל זיי זיין צום גאָט. [9] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברהמען: דו אָבער זאָלסט היטן מיין בונד, דו און דיין זאָמען נאָך דיר, אויף זייערע דור־דורות. [10] דאָס איז מיין בונד וואָס איר זאָלט היטן צווישן מיר און צווישן אַייך, און צווישן דיין זאָמען נאָך דיר: ביי אַייך זאָל געמַלט ווערן איטלעכער מאַנספּאַרשוין. [11] און איר זאָלט געמַלט ווערן אין דעם פלייש פון אַייער פאָרהויט, און עס וועט זיין פאַר אַ צייכן פון בונד צווישן מיר און צווישן אַייך. [12] און צו אַכט טעג זאָל געמַלט ווערן ביי אַייך איטלעכער מאַנספּאַרשוין אויף אַייערע דור־דורות, געבאָרן אין הויז, אָדער געקויפט פאַר געלט פון עמיץ אַ פרעמדן וואָס איז ניט פון דיין זאָמען. [13] געמַלט מוז געמַלט ווערן דער וואָס איז געבאָרן אין דיין הויז, און דער וואָס איז געקויפט פאַר דיין געלט; און מיין בונד זאָל זיין אין אַייער פלייש פאַר אַן אייביקן בונד. [14] און אַן אומבאַשניטענער מאַנספּאַרשוין וואָס וועט זיך ניט מַלן אין דעם פלייש פון זיין פאָרהויט, יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון איר פאָלק; מיין בונד האָט ער פאַרשטערט.

[15] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברהמען: דיין ווייב שָׂרַין זאָלסטו ניט רופן מיט איר נאָמען שָׂרַי, נייערט שָׂרָהב זאָל זיין איר נאָמען. [16] און איך וועל זי בענטשן, און וועל דיר אויך געבן פון איר אַ זון; יאָ, איך וועל זי בענטשן, און פעלקער וועלן ווערן פון איר; מלכים פון אומות וועלן זיין פון איר. [17] איז אַברהם געפאַלן אויף זיין פּנים, און ער האָט געלאַכטג,

א אַב הֲמוֹן. ב האַרינטע. ג ניִצְחָק.

און געזאָגט בײַ זיך אין האַרצן: קען בײַ אַ מאַן פון הונדערט יאָר געבאָרן ווערן? און קען שׂרה צו נײַנציק יאָר געבערן? [18] און אַברהם האָט געזאָגט צו גאָט: הלוואַי זאָל יִשמָעֵאל לעבן פאַר דיר! [19] האָט גאָט געזאָגט: פאַרוואָר, דײַן ווײַב שׂרה וועט דיר געבערן אַ זון, און זאָלסט רופן זײַן נאָמען יצחק; און איך וועל אויפשטעלן מײַן בונד מיט אים פאַר אַן אײביקן בונד צו זײַן זאָמען נאָך אים. [20] און וועגן יִשמָעֵאלן האָב איך דיך צוגעהערט; זע, איך האָב אים געבענטשט, און איך וועל אים פרוכפערן, און וועל אים מערן זייער און זייער; צוועלף פירשטן וועט ער געבערן, און איך וועל אים מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק. [21] מײַן בונד אָבער וועל איך אויפשטעלן מיט יצחקן, וואָס שׂרה וועט דיר געבערן צו דער צײַט אויפן אַנדער יאָר.

[22] און ווי ער האָט געענדיקט רעדן מיט אים, אַזוי האָט גאָט זיך אויפגעהויבן פון איבער אַברהמען.

[23] און אַברהם האָט גענומען זײַן זון יִשמָעֵאלן, און אַלע זײַנע הויזגעבאָרענע, און אַלע זײַנע געקויפטע פאַר געלט, יעטוועדער מאַנספאַרשוין צווישן די הויזלײַט פון אַברהמען, און ער האָט געמַלט דאָס פלייש פון זייער פאָרהויט אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג, אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט. [24] און אַברהם איז געווען נײַן און נײַנציק יאָר אַלט, ווען ער איז געמַלט געוואָרן אין דעם פלייש פון זײַן פאָרהויט. [25] און זײַן זון יִשמָעֵאל איז געווען דרײַצן יאָר אַלט, ווען ער איז געמַלט געוואָרן אין דעם פלייש פון זײַן פאָרהויט. [26] אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג איז געמַלט געוואָרן אַברהם און זײַן זון יִשמָעֵאל. [27] און אַלע מאַנסלײַט פון זײַן הויז, געבאָרן אין הויז, אָדער געקויפט פאַר געלט פון אַ פרעמדן, זײַנען געמַלט געוואָרן מיט אים.

וַיֹּאמֶר בְּלִבּוֹ הַלְּבֶן מֵאָה־שָׁנָה יִוָּלֵד וְאִם־שָׂרָה הֲבַת־
יח תִּשְׁעִים שָׁנָה תֵּלֵד׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל־הָאֱלֹהִים לוּ
יט יִשְׁמָעֵאל יִחְיֶה לְפָנֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֲבָל שָׂרָה אִשְׁתְּךָ
יֹלֶדֶת לְךָ בֵּן וְקָרָאתָ אֶת־שְׁמוֹ יִצְחָק וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי
כ אִתּוֹ לִבְרִית עוֹלָם לְזַרְעוֹ אַחֲרָיו׃ וּלְיִשְׁמָעֵאל שְׁמַעְתִּיךָ
הִנֵּה ׀ בֵּרַכְתִּי אֹתוֹ וְהִפְרֵיתִי אֹתוֹ וְהִרְבֵּיתִי אֹתוֹ בִּמְאֹד
כא מְאֹד שְׁנֵים־עָשָׂר נְשִׂיאִם יוֹלִיד וּנְתַתִּיו לְגוֹי גָּדוֹל׃ וְאֶת־
בְּרִיתִי אָקִים אֶת־יִצְחָק אֲשֶׁר תֵּלֵד לְךָ שָׂרָה לַמּוֹעֵד הַזֶּה
כב בַּשָּׁנָה הָאַחֶרֶת׃ וַיְכַל לְדַבֵּר אִתּוֹ וַיַּעַל אֱלֹהִים מֵעַל
כג אַבְרָהָם׃ וַיִּקַּח אַבְרָהָם אֶת־יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ וְאֵת כָּל־יְלִידֵי
בֵיתוֹ וְאֵת כָּל־מִקְנַת כַּסְפּוֹ כָּל־זָכָר בְּאַנְשֵׁי בֵּית אַבְרָהָם
וַיָּמָל אֶת־בְּשַׂר עָרְלָתָם בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר
מפ׳ אִתּוֹ אֱלֹהִים׃ וְאַבְרָהָם בֶּן־תִּשְׁעִים וָתֵשַׁע שָׁנָה בְּהִמֹּלוֹ
כה בְּשַׂר עָרְלָתוֹ׃ וְיִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ בֶּן־שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה בְּהִמֹּלוֹ
כו אֵת בְּשַׂר עָרְלָתוֹ׃ בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה נִמּוֹל אַבְרָהָם
כז וְיִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ׃ וְכָל־אַנְשֵׁי בֵיתוֹ יְלִיד בָּיִת וּמִקְנַת־כֶּסֶף
מֵאֵת בֶּן־נֵכָר נִמֹּלוּ אִתּוֹ׃ פ

# וַיֵּרָא

יח [1] און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים, בײַ די אייכנביימער פון מַמרֵא, ווען ער איז געזעסן אין אַרײַנגאַנג פון זײַן געצעלט, אין דער היץ פון טאָג. [2] און ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן און האָט דערזען, ערשט דרײַ מענער שטייען פאַר אים; און ווי ער האָט זיי דערזען, אַזוי איז ער זיי געלאָפן אַנטקעגן פון דעם אַרײַנגאַנג פון געצעלט, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד. [3] און ער האָט געזאָגט: מײַן האַר, אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, זאָלסטו, איך בעט דיך, ניט אַוועקגיין פון דײַן קנעכט. [4] לאָז געבראַכט ווערן אַ ביסל וואַסער, און וואַשט אײַערע פיס, און לענט אײַך אָן אונטערן בוים. [5] און איך וועל ברענגען אַ שטיקל ברויט, און איר וועט אונטערלענען אײַער האַרץ, דערנאָך וועט איר גיין ווײַטער; אַזוי ווי איר זײַט שוין אַריבערגעקומען צו אײַער קנעכט. האָבן זיי געזאָגט: טו אַזוי ווי דו האָסט גערעדט. [6] האָט אַברהם געאײַלט אין געצעלט צו שׂרהן, און האָט געזאָגט: אײַל זיך!

יח

א וַיֵּרָא אֵלָיו יְהוָה בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח־הָאֹהֶל
ב כְּחֹם הַיּוֹם׃ וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים
עָלָיו וַיַּרְא וַיָּרָץ לִקְרָאתָם מִפֶּתַח הָאֹהֶל וַיִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה׃
ג וַיֹּאמַר אֲדֹנָי אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל־נָא תַעֲבֹר מֵעַל
ד עַבְדֶּךָ׃ יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת
ה הָעֵץ׃ וְאֶקְחָה פַת־לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם אַחַר תַּעֲבֹרוּ כִּי־
עַל־כֵּן עֲבַרְתֶּם עַל־עַבְדְּכֶם וַיֹּאמְרוּ כֵּן תַּעֲשֶׂה כַּאֲשֶׁר
ו דִּבַּרְתָּ׃ וַיְמַהֵר אַבְרָהָם הָאֹהֱלָה אֶל־שָׂרָה וַיֹּאמֶר מַהֲרִי

יז, כז׳ קמץ בז״ק    יח, ג׳ קדש